# קאמוניקאט.

די פילם-פראדוקציע Yiddish Talking Pict. Inc. New-York ווי אויך די קינעמאטאגראפישע געז. MUNDUS FILM WARSZAWA
האבען דעם כבוד מיטצוטיילען, אַז דער קינא-טעאטער

# „CAPITOL"

איז לאַרז האט בעקומען אַנ׳אויסשליסליכע רעכט צו דעמאנסטרירען דעם פילם רעזשי S. M. GOLDIN לויט דער ערצעהלונג פון **שלום אש**

# „אנקעל מאזעס"

מיט **מאָריס שוואַרץ, רובין גאָלדבערג, יהודית אבארבאנעל** איז די הויפט-ראָלען.

Yiddish Talking Pict. Inc. New-York — „CAPITOL" — Mundus-Film Warszawa

**היינט פרעזענטירען מיר!** דאס מעכטיגע פילם-מייסטערווערק רעזשי מ. גאָלדין לויט דער ערצעהלונג פון **שלום אש** א. נ.

# „אנקעל מאזעס"

עפאָפּיי פון פרייד און טרויער פון יודען אויף דער ברייטער וועלט.

די הויפּטראָלען קרעאירען: **מאָרים שוואַרץ, רובין גאָלדבערג, יהודית אבאַרבאַנעל.**

אויסערן פּראָגראַם: **רעוואָלאָציאָנס-קלאַנג-צוגאַבע P.A.T. מיט „Polonia" נאך פאלעסטינא** א. נ.





## „אנקעל מאזעס"

### די פערל פון שלום אש׳ס שאַפען אין קינא „קאַפּיטאָל"



„אַנקעל מאָזעס" איז די פערל פון שלום אַש׳ס שאַפען. דאָס איז איינס פון די שענסטע ווערק אין דער יודישער ליטעראַטור, וואָס איז איבערזעצט אין פיל אייראָפּעאישע שפּראַכען און האָט אַרויסגערופען באַוואונדערונג ביי דער קריטיק.

„אַנקעל מאָזעס" פאָהרט אוועק פון פוילען אַלס קליין יונגעל. ווי טויזענדער זיינס גלייכען טרעט ער אַריין אין אַמעריקאַנער שאָפּ, אַרבייט מיט נויט און שוויס, האָבענדיג בלויז איין ציל: דערווערבען זיך א פערמעגען, קומען צו רייכטום און אליין ווערען אַנ׳אונטערנעהמער, א פאַבריקאַנט.

האָבענדיג דעם דאָזיגען ציל פאַר די אויגען, פערנאַכלעסיגט ער זיין פערזענליך גליק, לעבט אין איינזאַמקייט און זיין גרעסטע פרייד איז, ווען ער זעהט, ווי זיין טשעק-קאָנטאָ אין דער באַנק וואַקסט, ווערט פון טאָג צו טאָג גרעסער.

ענדליך קומט אָן דער גליקליכער טאָג פאַר איהם: ער זעהט, אַז זיין פערמעגען איז שוין אַזוי גרויס, אַז ער קען דערמיט צוטרעטען צו שאַפען אַ גרויסען שאָפּ, אַ פאַבריק.

ער געהט פון שטאַפּעל צו שטאַפּעל פון ערפאָלג צו ערפאָלג. זיין אונטערנעהמונג פראָספּערירט גוט, צעוואַקסט זיך ברייט, בעקומט אַ נאָמען אין דער אינדוסטריע-וועלט. אַנקעל מאָזעס וויל נישט בלויז זיין אַנ׳איינפאַכער פאַבריקאַנט, ער וויל אויך זיין אַ וואוילטוער פאַר זיינע מיטבירגער אין דער אַלטער היים, אין שטעטעל פון פוילען, ער שיקט זיי שיף-קאַרטען, ער נעמט אַראָפּ קיין אַמעריקאַ כמעט דאָס גאַנצע שטעטעל יודען.

אונטער דעם מאַנטעל פון אַ וואוילטעטער, נוצט ער שרעקליך אויס זיינע אַרבייטער, וועלכע רופען איהם פאַטערליך „אַנקעל מאָזעס", בעטראַכטענדיג איהם נישט בלויז אַלס אונטערנעהמער, נאָר ווי עפּעס אַ ראש פון דער משפחה. פּאַמעלעך קומט אָבער די ענטוישונג. די אַרבייטער זעהען, ווי אַנקעל מאָזעס׳ס קאַפּיטאַל וואַקסט פון אַרבייט, זייער שוויס פון אַרבייט, זיי הויבען אָן צו ברומען. די אומצופרידענהייט בעהערשט זיי אַלע. עס הויבט זיך אָן דער שטענדיגער קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט, שטרייק, אונרוהען, פּאָליציי... אויפ׳ן פילם זעהען מיר דאָן אַ מעכטיגע סצענע פון אַרבייטער-אונרוהען. פון מאַסען-פערביטערונג, פון רעוואָלוציאָנערען אויפשטייג. די דאָזיגע סצענע איז איינע פון די מעכטיגסטע אין דער פילם-טעכניק. מיט אַ געוואַלדיגער אַטעם-פערכאַפּענדיגער פּלאַסטישקייט זעהען מיר אַ בילד פון אַמעריקאַנער שוויץ-סיסטעם, פון דער אויסלאַדונג פון אַ געזאַמעלטער שנאה פון אַרבייטער געגען זייער עקספּלאָאַטאַר.

דעם קלוגען אַנקעל מאָזעס געלונגט אָבער פאָרט צו בערוהיגען זיינע אַרבייטער. דער שטרייק ווערט געבראָכען און זיי ווערען ווידער זיינע שקלאַפען, מיט וועלכע ער קאָן מאַכען וואָס ער וויל.

די פאַבריק פערברייטערט זיך: אַנקעל מאָזעס איז שוין אַזוי רייך, אַז ער ווייסט שוין אַליין נישט, וואָס צו טון מיט זיין פערמעגען.

מיט איינמאָל קומט דער גרויסער חשבון-הנפש. ער זעהט, אַז זיין לעבען איז אוועק אין אַ געיעג נאָך געלד, איצט איז ער אַלט, אַפּגעלעבט און ער האָט אַזוי ווייניג געגאָסען פונ׳ם לעבען.

ער וואַרפט אַנ׳אויג אויף אַ יונג מיידעל מיט אַ הערליך רייצענדען פּנים׳ל און אַ וואונדערבאַר עלאַסטיש געשטאַלט. דאָס מיידעל איז זיינס אַנ׳אַרבייטערין. ער דערנעהנטערט זיך צו איהר, נעמט זי אוועק פון דער אַרבייט, בעשיט זי מיט געלד און ציהרונג און האָט מיט איהר ענדליך חתונה. אַנקעל מאָזעס איז אַלט, פערוועלקט, דאָס מיידעל יונג, פריש בליהענד.

עס קומט צו אַ שרעקליכע טראַגעדיע. אַנקעל מאָזעס איז שוין נישט פעהיג צו בעפרידיגען זיין יונג ווייבעל, זי האַסט איהם פאַר זיין געלד-גייציגקייט, פאַר זיין אָפּגעלעבטקייט. אַנקעל מאָזעס בעקומט זי אָבער ליב מיט אַ פאַנאַטישער, אונגאַטירליכער קראַפט. ער זעהט אין איהר זיין פרייד, זיין גליק, זיין אידעאַל. עס צעוואַקסט זיך אין איהם אַ שרעקליכע אייפערזוכט. ער איז זי חושד, אַז זי פערראַט איהם, אַז זי לאַכט פון איהם אונטער די אויגען, און אַז איהר יונגער קערפּער בעקומט בעפרידיגונג אין די אָרעמס פון געזונדע, לעבענס-לוסטיגע מענער. ער שפּיאָנירט זי אויף שריט און טריט. ער היט איהר יעדען שפּאַן.

ענדליך קומט צו דעם שוידערליכען פינאַל: אַנקעל מאָזעס געהט אַראָפּ פון זינען צוליב זיין ווילדער אונמענשליכער אייפערזוכט, און אין דאָזיגען מאָמענט, געפינענדיג זיך מיט איהר אויג אויף אויג, דערשטיקט ער זי אין זיינע אָרעמס. די טראַגעדיע אַנקעל מאָזעס איז אַזויאַנאַך געענדיגט. דער אָביעקט פון זיין שטאַרקע ליבע ווערט אָפּגעפיהרט צו אייביגער רוה, און ער, אַנקעל מאָזעס אין משוגעים-הויז.

דאָס בילד, וואָס הויבט אָן געהן היינט, דינסטאָג אין קינא „קאַפּיטאָל" שפּאַנט דעם צושויער. יעדע סצענע ריהרט מיט איהר טיפער מענשליכקייט, מיט זיין טראַגיק. עס איז איינס פון די הערליכסטע בילדער, וואָס לאָזט איבער אַ לאַנג דויערענדען רושם.

ס׳איז כדאי צוצוגעבען, אַז די הויפּט-ראָל פיהרט אויס דער גענישלער אַמעריקאַנער אַרטיסט מאָריס שוואַרץ.

ק. ס.


קירצליך וועלען אויף אונזער עקראַן זיך בעווייזען פאָלגענדע מייסטערווערק:
דאָס מעכטיגע פילם-מייסטערווערק א. נ.

1) **„Kawalkada"**
מיט **Clive Brook i Diana Wynard**

2) **„די גרויסע זינדיגערין"**
מיט **Claudette Colbert**

3) **„איהר קעניגליכע האָהייט"**

